775 N. Main St.
Spring Valley, NY 10977
855-552-4642
www.hamaspik.com



# Hamaspik Medicare Choice (HMO D-SNP) Medicaid Advantage Plus (MAP) פלאן אנגעטראגן ביי Hamaspik Inc.

# יערליכן באמערקונג פון ענדערונג פאר 2026

איר האט זיך פארשריבן אלץ א מיטגליד פון Hamaspik Medicare Choice.

דער מאטעריאל גיט צו פארשטיין ענדערונגען צו אונדזער פלאנס קאסט און בענעפין נעקסטע יאר.

- **איר האט פון אקטאבער 15 - דעצעמבער 7 צו מאכן ענדערונגען צו אייער Medicare דעקונג פאר נעקסטע יאר.** אויב איר גייט נישט אריבער צו אן אנדערן פלאן ביז דעצעמבער 7, 2025, וועט איר בלייבן אין Hamaspik Medicare Choice.
- צו ענדערן אויף אן **אנדערן פלאן**, באזוכט www.Medicare.gov אדער קוקט איבער די ליסטע ביי דער ענדע פון דעם Medicare און אייך 2026 האנטבוך.
- באמערקט אז דאס איז נאר א קורצער באגריף פון ענדערונגען. מער אינפארמאציע וועגן קאסט, בענעפיטן, און כללים איז אין דעם באוויז פון דעקונג. באקומט א קאפיע אויף https://www.hamaspik.com/members/medicarechoice#resources אדער רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774. (TTY באניצערס, ביטע רופט 711) צו באקומען א קאפיע מיט דער פאסט. איר קענט אויך איבערקוקן די באזונדערע ארויסגעשיקטע פאסט באווייז פון דעקונג צו זען אויב אנדערע בענעפיט אדער קאסט אפעקטירט אייך.

### מער רעסורסן

- דער מאטעריאל איז צו באקומען אומזיסט אין שפאניש. Este EOC esta disponible en espanol. Por favor, llame a servicios para miembros. .
- אויב אייער הויפט שפראך איז נישט ענגליש, קענען אונדזער מיטגליד סערוויסעס אייך העלפן מיט אויסנוויייניגע איבערזעצונגען. ביטע קאנטאקט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 פאר מער אינפארמאציע.
- רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס רופט 711) פאר מער אינפארמאציע. שעה'ן ווען מיטגליד סערוויסעס שטאב זענען עוועילעבל, זענען 7 טעג א וואך, פון 8 צופרי ביז 8 ביי נאכט, אקטאבער 1 ביז מארץ 31. אנהייבנדיק דעם 1טן אַפריל ביזן 30סטן סעפטעמבער, וועט אונדזער מיטגליד סערוויסעס דעפארטמענט זיין עוועילעבל מאנטיק ביז פרייטיק, 8 צופרי ביז 8 ביי נאכט. דער טעלעפאן קאל איז אומזיסט.

- דער איפארמאציע איז אויך עוועילעבל אין פארשידענע אנדערע פארמאטן אזוי ווי גרויסע אותיות און ברעיל. ביטע קאנטאקט מיטגליד סערוויסעס אויף די אויבנדערמאנטע נומערן פאר מער אינפארמאציע.

**וועגן Hamaspik Medicare Choice**

- Hamaspik Medicare Choice איז אנגעפירט ביי א פריוואטע פירמע. אזוי ווי אלע Advantage Plans, איז Medicare Special Needs Plan באשטעטיגט ביי Medicare. אונדזער פלאן האט אויך א געשריבענעם אפמאך מיט דער New York State Medicaid פראגראם צו קאארדינירן אייערע Medicaid בענעפיטן.
- ווען דער מאטעריאל זאגט "מיר", "אונדז", אדער "אונדזער", מיינט עס Hamaspik Inc.). ווען עס שטייט "פלאן", אדער "אונדזער פלאן", מיינט עסHamaspik Medicare Choice.
- **אויב איר טוט גארנישט ביז דעצעמבער 7, 2025, וועט איר אויטאמאטיש ווערן פארשריבן אין Hamaspik Medicare Choice.** אנהייבנדיג יאנואר 1, 2026, וועט איר באקומען אייער מעדיקל און דראג דעקונג דורך Hamaspik Medicare Choice. גייט צו אפטייל 2 פאר מער אינפארמאציע ווי אזוי צו ענדערן פלענער און טערמינען צו מאכן אן ענדערונג.

# אינהאלט

**א קורצער באגריף פון וויכטיגע קאסט פאר 2026 ........ 4**

**אפטייל 1 ענדערונגען צו בענעפיטן און קאסט פאר נעקסטעס יאר ........ 6**

אפטייל 1.1 ענדערונגען צו דער מאנאטליכער פלאן פרעמיע ........ 6

אפטייל 1.2 ענדערונגען צו אייער מאקסימום סכום פון טאש ארויס ........ 6

אפטייל 1.3 ענדערונגען צו דעם פראוויידער נעץ ........ **Error! Bookmark not defined.**

אפטייל 1.4 ענדערונגען צו דעם אפטייקער נעץ ........ **Error! Bookmark not defined.**

אפטייל 1.5 ענדערונגען צו בענעפיטן און קאסט פאר מעדיקל סערוויסעס **Error! Bookmark not defined.**

אפטייל 1.6 ענדערונג צו טייל Dדראג דעקונג ........ **Error! Bookmark not defined.**

אפטייל 1.7 ענדערונגען צו רעצעפט דראג בענעפיטן און קאסט ........ **Error! Bookmark not defined.**

**אפטייל 2 ווי אזוי צו ענדערן פלענער ........ 14**

אפטייל 2.1 טערמינען פאר ענדערן פלענער ........ **Error! Bookmark not defined.**

אפטייל 2.2 זענען פארהאן אנדערע צייטן פון יאר ווען מ'קען מאכן אן ענדערונג? ..... **Error! Bookmark not defined.**

**אפטייל 3 באקומט הילף צו באצאלן פאר רעצעפט דראגס ........ 15**

**אפטייל 4 פראגעס? ........ 16**

באקומט הילף פון Hamaspik Medicare Choice ........ 16

באקומט אומזיסטע בארואטונגען וועגן Medicare ........ 16

באקומט הילף פון Medicare ........ 17

באקומט הילף פון Medicaid ........ 17

## א קורצער באגריף פון וויכטיגע קאסט פאר 2026

| | 2025 (דאס יאר) | **2026 (נעקסטע יאר)** |
|---|---|---|
| **מאנאטליכן פלאן פרעמיע***<br><br>*אייער פרעמיע קען זיין העכער פון דעם סכום. גייט צו אפטייל 1 פאר איינצלהייטן. | $0 | **$0** |
| **מאקסימום סכום פון טאש ארויס**<br><br>דאס איז דער מאקסימום וואס איר וועט באצאלן פון טאש ארויס פאר געדעקטע טייל A און טייל B] סערוויסעס. (גייט צו אפטייל 1 פאר איינצלהייטן.) | $9,350<br><br>איר זענט נישט פאראנטווארטליך צו צאלן פון טאש ארויס קיין שום קאסט אויף צו דעקן דעם מאקסימום סכום פון טאש ארויס פאר טייל A און טייל B סערוויסעס. | **$9,250**<br><br>**איר זענט נישט פאראנטווארטליך צו צאלן פון טאש ארויס קיין שום קאסט אויף צו דעקן דעם מאקסימום סכום פון טאש ארויס פאר טייל A און טייל B סערוויסעס.** |
| **הויפט קעיר אפיס וויזיטן** | $0 פער וויזיט | **$0 פער וויזיט** |
| **ספעציעלע אפיס וויזיטן** | $0 פער וויזיט | **$0 פער וויזיט** |
| **אינשפיטאליגע אפזיין**<br>דאס רעכענט אריין שווערע, אינשפיטאליגע רעהאביליטאציע, לאנט-טערמיניגע שפיטאל קעיר, און אנדערע סארטן אינשפיטאליגע אפזיין. אינשפיטאליגע קעיר הייבט זיך אן אינעם טאג וואס איר זענט פארמעל געווארן איינגעשריבן אין שפיטאל מיט א דאקטערס באפעל. דעם טאג איידער איר ווערט אויסגעשריבן איז אייער לעצטער אינשפיטאליגער טאג. | $0 | **$0** |

| | 2025<br>(דאס יאר) | 2026<br>(נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| **טייל D דראג דעקונג דעדוקטעבל**<br>(גייט צו אפטייל 1 פאר איינצלהייטן.) | $0 | **$0** |
| **טייל D דראג דעקונג**<br>(גייט צו אפטייל 1 פאר איינצלהייטן, ווי אויך די יערליכע דעדוקטעבל, דער ערשט-מאליגער דעקונג און קאטאסטראפישע דעקונג פאזעס.) | $0 פאר דער ערשט-מאליגע דעקונג פאזע:<br>דראג שיכט 1: קאטאסטראפע דעקונג פאזע:<br><br>בשעת די צאלונג פאזע, צאלט איר גארנישט פאר אייערע געדעקטע טייל D דראגס. | **$0 פאר דער ערשט-מאליגע דעקונג פאזע:**<br>**דראג שיכט 1:**<br>**קאטאסטראפע דעקונג פאזע:**<br><br>**בשעת די צאלונג פאזע, צאלט איר גארנישט פאר אייערע געדעקטע טייל D דראגס.** |

## אפטייל 1 ענדערונגען צו בענעפיטן און קאסט פאר נעקטעס יאר

### אפטייל 1.1 ענדערונגען צו דער מאנאטליכער פלאן פרעמיע

| | 2025 (דאס יאר) | 2026 (נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| **מאנאטליכן פלאן פרעמיע**<br>(איר מוזט אויך ווייטער באצאלן אייער Medicare טייל B פרעמיע אויסער אז עס ווערט באצאלט פאר אייך דורך Medicaid.) | $0 | **$0**<br><br>**אייער פלאן פרעמיע פארן קומענדיגן יאר וועט זיך נישט ענדערן.** |

### אפטייל 1.2 ענדערונגען צו אייער מאקסימום סכום פון טאש ארויס

Medicare פאדערט פון אלע העלט פלענער צו באגרענעצן וויפיל איר צאלט פון טאש ארויס פארן יאר. דער באגרענעצונג רופט זיך דער מאקסימום סכום פון טאש ארויס. נאכדעם וואס איר האט באצאלט דעם סכום, באצאלט איר אין אלגעמיין מער גארנישט פאר געדעקטע טייל A און טייל B סערוויסעס פארן רעשט פונעם קאלענדאר יאר.

| | 2025 (דאס יאר) | 2026 (נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| **מאקסימום סכום פון טאש ארויס**<br>וויבאלד אונדזערע מיטגלידער באקומען אויך הילף פון Medicaid, דערגרייכן זייער ווייניג מיטגלידער דער מאקסימום סכום פון טאש ארויס.<br>איר זענט נישט פאראנטווארטליך צו צאלן פון טאש ארויס קיין שום קאסט אויף צו דעקן דעם מאקסימום סכום פון טאש ארויס פאר טייל A און טייל B סערוויסעס. | $9,350 | **$9,250**<br>**איינמאל איר האט באצאלט $9,250 פון טאש ארויס פאר טייל A און טייל B סערוויסעס, צאלט איר מער גארנישט פאר אייערע טייל A און טייל B סערוויסעס פארן רעשט פונעם קאלענדאר יאר.** |

| | 2025<br>(דאס יאר) | 2026<br>(נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| אייער קאסט פאר געדעקטע מעדיקל סערוויסעס (אזוי ווי קאו-צאלונגען) **ווערט גערעכנט** פאר אייער מאקסימום סכום פון טאש ארויס. אייער קאסט פאר רעצעפט דראגס **ווערט נישט גערעכנט** פאר אייער מאקסימום סכום פון טאש ארויס. | | |

## אפטייל 1.3 ענדערונגען צו דעם פראוויידער נעץ

אונדזער נעץ פון פראוויידערס האט זיך געענדערט פאר נעקסטעס יאר. קוקט איבער דעם 2026 האנטבוך https://www.hamaspik.com/directory-search צו זען אויב אייערע פראוויידערס (הויפט קעיר פראוויידער, ספעציעליסן, שפיטעלער, א.א.וו.) געפונען זיך אין אונזער נעץ. אזוי קענט איר באקומען אן אמענדירטע פראוויידער האנטבוך:

- באזוכט אונדזער וועבזייטל אויף .www.hamaspik.com.
- רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס, ביטע רופט 711) צו באקומען די לעצטע פראוויידער אינפארמאציע אדער אונדז צו בעטן צו שיקן מיט דער פאסט א פראוויידער האנטבוך.

מיר קענען מאכן ענדערונגען צו די שפיטעלער, דאקטוירים, און ספעציעליסטן (פראוויידערס) וואס זענען טייל פון אונדזער פלאן אין משך פון יאר. אויב א מיטל-יאר ענדערונג פון אונדזערע פראוויידערס אפעקטירט אייך, רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס, ביטע רופט 711) פאר הילף. פאר מער אינפארמאציע וועגן אייערע רעכט ווען א נעץ פראוויידער פארלאזט אונדזער פלאן, גייט צו קאפיטל 3 אפטייל 2.3 פון אייער באוויז פון דעקונג.

## אפטייל 1.4 ענדערונגען צו דעם אפטייקער נעץ

סומעס וואס איר באצאלט פאר אייערע רעצעפט דראגס קען זיך ווענדן אויף וועלכע אפטייק איר נוצט. Medicare דראג פלענער האבן א נעץ פון אפטייקן. אין מערסטע פעלער, זענען אייערע רעצעפטן געדעקט נאר אויב זיי ווערן אנגעפילט אין איינע פון אונדזער נעץ אפטייקן.

אונדזער נעץ פון פראוויידערס האט זיך געענדערט פאר נעקסטעס יאר. קוקט איבער דעם 2026 אפטייק האנטבוך https://www.hamaspik.com/directory-search צו זען וועלכע אפטייקן געפונען זיך אין אונזער נעץ. אזוי קענט איר באקומען אן אמענדירטע אפטייק האנטבוך:

- באזוכט אונדזער וועבזייטל אויף .www.hamaspik.com

- רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס, ביטע רופט 711) צו באקומען די לעצטע אפטייק אינפארמאציע אדער אונדז צו בעטן שיקן מיט דער פאסט אן אפטייק האנטבוך.

מיר קענען מאכן ענדערונגען צו אפטייקן וואס זענען טייל פון אונדזער פלאן אין משך פון יאר. אויב א מיטל-יאר ענדערונג פון אונדזערע אפטייקן אפעקטירט אייך, רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס, ביטע רופט 711) פאר הילף.

## אפטייל 1.5 ענדערונגען צו בענעפיטן און קאסט פאר מעדיקל סערוויסעס

דער יערליכן באמערקונג פון ענדערונגען לאזט אייך וויסן וועגן ענדערונגען צו אייער Medicare און Medicaid בענעפיטן און קאסט.

| | 2025 (דאס יאר) | 2026 (נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| **אן א רעצעפט (OTC) בענעפיטן** | אין 2025 דעקן מיר א מאקסימום פון $215.00 א מאנאט פאר אן א רעצעפט, געזונט פראדוקטן. די סארט פראדוקטן וואס מ'קען קויפן נוצנדיג דעם בענעפיט זענען באשטעטיגט ביי CMS. אויב איר קוואליפיצירט, קענט איר נוצן $75 א מאנאט פון דעם טאטאלן OTC בענעפיט צו קויפן עסנווארג און גארטנווארג. איר קענט אויך נוצן $75 א מאנאט צו דעקן דעם קאסט פון הויזגעזינד יוטיליטיס. דער בענעפיט ווערט אדורכגעפירט נוצנדיג א פרי-אנגעלאדנטע דעביט קארטל, וואס גילט צו קויפן אין פלאן-באשטעטיגטע ריטעיל לאקאציעס. | **אין 2026 דעקן מיר א מאקסימום פון $250.00 א מאנאט פאר אן א רעצעפט, געזונט פראדוקטן. די סארט פראדוקטן וואס מ'קען קויפן נוצנדיג דעם בענעפיט זענען באשטעטיגט ביי CMS. אויב איר קוואליפיצירט קענט איר צוטיילן סיי וועלכן סכום פון דעם $250 מאנאטליכן OTC קארטל מאנאטגעלט פאר דעם SSBCI עסנווארג און יוטיליטי בענעפיטן.** |

| | | |
|---|---|---|
| ספעציעלע סופלימענטאלע בענעפיטן פאר מיטגלידער מיט כראנישע קראנקהייטן (**SSBCI**) | איר זענט פאסיג פאר דעם בענעפיט אויב זיי האבן דריי (3) אדער מער כראנישע מצבים אין 2025. אויב איר קוואליפיצירט, קענט איר נוצן $75 א מאנאט פון דעם טאטאלן OTC בענעפיט צו קויפן עסנווארג און גארטנווארג. איר קענט אויך נוצן $75 א מאנאט צו דעקן דעם קאסט פון הויזגעזינד יוטיליטיס. דער בענעפיט ווערט אדורכגעפירט נוצנדיג א פרי-אנגעלאדנטע דעביט קארטל, וואס גילט צו קויפן אין פלאן-באשטעטיגטע ריטעיל לאקאציעס.. | איר זענט פאסיג פאר **SSBCI** אויב זיי האבן כאטש 3 פון די כראנישע קראנקהייט אידנטיפיצירט אין דעם אפטייל. אויב איר קוואליפיצירט, קענט איר צוטיילן סיי וועלכן סכום פון דעם $250 מאנאטליכן **OTC** קארטל מאנאטגעלט צו קויפן עסנווארג אדער יוטיליטיס.<br><br>ביטע זעט קאפיטל 4 פון אייער 2026 באוויז פון דעקונג (**EOC**) פאר מער אינפארמאציע. |

| | | |
|---|---|---|
| **גימנאסטישע בענעפיטן** | אייער גימנאסטישע בענעפיט רעכענט אריין אומזיסטערהייט צוטריט צו גימנאסטישע צענטערס, אנליין געניטונג קלאסן, אינדיווידואליזירטע גימנאסטישע קאוטשינג, און א היים גימנאסטישע קיט. איר זענט באגרענעצט צו איין גימנאסטישע קיט א יאר. אויסוואל פון גימנאסטישע קיט רעכנט אריין: (1) טראגעוודיגע גימנאסטישע טרעקער קיט, (2) יאגע אנהייב קיט מיט א מעט און האנטעך, (3) מיטעלמעסיגע/פארגעשריטענע יאגע קיט מיט א יאגע פאסיק און 2 יאגע בלאקן, (4) גייער/ שווערע רייזע קיט מיט 2 גיי-שטאנגען, (5) אנהייב שטארקהייט קיט מיט 2-פונטיגע געוויכטן און איבונג בענדער, (6) מיטלמעסיגע קראפט קיט מיט 3 פונטיגע געוויכטן און איבונג בענדער, (7) פארגעשריטענע קראפט קיט מיט 5 פונטיגע געוויכטן און איבונג בענדער,(8) פילאטעס קיט מיט א פילאטעס באל און האנטעך, (9) אנהייב שווים קיט מיט שווים-ברילן און א הינטערברעט, אדער (10) פארגעשריטענע שווים קיט מיט וואסער קעגנשטעל הענטשקעס און א צי-שווימערל.<br><br>אנליין איבונגען קלאסן ווערן געהאלטן דורך דעם גימנאסטישען פארקויפערס וועבזייטל, און איז כוללביידע לעבעדיגע און פרי-רעקארדירטע קלאסן. | איר האט צוטריט צו דער Silver&Fit® Healthy Aging and Exercise פראגראם אמוזיסט. אונטער די פראגראם, קענט איר האבן צוטריט אן קיין קאסט באטייליגונג גימנאסטישע צענטערס ווי אויך גימנאסטישע צענטערס. דערצו, קענט איר אויסקלויבן 1 (איין) היים גימנאסטישע קיט פער בענעפיט יאר אן קיין קאסט. עס זענען פארהאן 5 היים גימנאסטיק קיט אפציעס פון וואו צו קלויבן:<br>1) קראפט (איז כולל אן איבונג באנד) 2) מוסקל-טאנוס (איז כולל א פילאטעס באל) 3) יאגע (איז כולל א יאגע מעט) 4) זעלבסט-קעיר (איז כולל א פאום-ראלער) און גיין (איז כולל א טריטמעסטער). (היים-קיטס קענען זיך ענדערן לויט עווילעביליטי פון פראוויזיעס). מיטגלידער קענען אויך האבן צוטריט צו אנדערע Silver&Fit פראגראם אטראקציעס ווי אויך טויזענטער לויטן פארלאנג געניטונג ווידעאס, ווירטועלע געשעענישן דורך דעם Well-Being קלוב, און ספעציעליזירטע קאוטשינג סעסיעס. |

## אפטייל 1.6 ענדערונג צו טייל D דראג דעקונג

**ענדערונגען צו אונדזער דראג ליסטע**

אונדזער ליסטע פון געדעקטע דראגס רופט זיך א פארמולאר אדער דראג ליסטע. א קאפיע פון אונדזער דראג ליסטע ווערט צוגעשטעלט עלעקטראניש. **איר קענט באקומע דעם פולער דראג ליסטע** דורך רופן מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס רופט 711) אדער באזוכט אונדזער וועבזייטל אויף (https://www.hamaspik.com/directory- search).

מיר האבן געמאכט ענדערונגען צו אונדזער דראג ליסטע, וואס קען כולל זיין אראפנעמען אדער צולייגן דראגס, ענדערן די באגרענעצונגען וואס זענען חל אויף אונדזער דעקונג פאר געוויסע דראגס, אדער זיי צו רוקן צו אן אנדערע קאסט-צוטיילונג שיכט. **קוקט איבער די דראג ליסטע צו מאכן זיכער אז אייערע דראגס וועלן זיין געדעקט נעקסטעס יאר און צו זען אויב עס זענען פארהאן באגרענעצונגען, אדער אויב אייער דראג איז געווארן גערוקט צו אן אנדערע קאסט-צוטיילונג שיכט.**

מערסטנס פון די ענדערונגען אויף דער דראג ליסטע זענען ניי אין אנהייב פון יעדעס יאר. פונדעסטוועגן, קענען מיר מאכן אנדערע ענדערונגען וואס איז ערלויבט לויט Medicare כללים וואס וועט אייך אפעקטירן אין דעם קאלענדאר יאר. מיר אמענדירן אונדזער אנליין דראג ליסטע כאטש יעדן מאנאט צו צושטעלן די היינטיגע ליסטע פון דראגס. אויב מיר מאכן אן ענדערונג וואס וועט אפעקטירן אייער צוגאנג צו א דראג וואס איר נעמט, וועלן מיר אייך שיקן א באמערקונג וועגן דעם ענדערונג.

אויב איר זענט אפעקטירט ביי אן ענדערונג אין דראג דעקונג אין אנהייב יאר אדער אין מיטן יאר, קוקט איבער קאפיטל 9 פון אייער באוויז פון דעקונג און רעדט מיט אייער פארשרייבער אויס צו געפונען אייערע אפציעס, אזוי ווי בעטן פאר א צייטווייליגע סופליי, אפליקירן פאר אן אויסנאם, און/אדער ארבעטן צו געפונען א נייע דראג. רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס רופט 711) פאר מער אינפארמאציע.

## אפטייל 1.7 ענדערונגען צו רעצעפט דראג בענעפיטן און קאסט

**דראג צאלונג פאזעס**

עס זענען פארהאן 3 **דראג צאלונג פאזעס**: די יערליכע דעדוקטעבל פאזע, די אנהייב דעקונג פאזע, און דער קאטאסטראפע דעקונג פאזע. דער דעקונג אונטערשייד פאזע און דער דעקונג אונטערשייד הנחה פראגראם עקסעסטירן נישט מער אין דער טייל D בענעפיט.

- **פאזע 1: יערליכע דעדוקטעבל**

מיר האבן נישט קיין דעדוקטעבל, האט דער צאלונג פאזע נישט קיין שייכות צו אייך.

- **פאזע 2: ערט-מאליגע דעקונג**

אין דער פאזע, צאלט אונדזער פלאן איר טייל פון דעם קאסט פון אייערע דראגס, און איר באצאלט אייער טייל פונעם קאסט. אין אלגעמיין בלייבט איר אין דער פאזע ביז אייער יאר-צו טאג טאטאלע קאסט דערגרייכט $2,100.

- **פאזע 3: קאטאסטראפישע דעקונג**

דאס איז דער דריטער און ענדגילטיגע דראג צאלונג פאזע. אין דער פאזע, צאלט איר פאר אייערע געדעקטע טייל D דראגס. אין אלגעמיין, בלייבט איר אין דער פאזע פאר דער רעשט פונעם קאלענדאר יאר.

דער Coverage Gap Discount Program איז געווארן אויסגעביטן ביי דער Manufacturer Discount Program. לויט דער Manufacturer Discount Program, באצאלן דראג קאמפאניס א טייל פון אונדזער פלאנס פולער קאסט פאר געדעקטע טייל D אנערקענטע-פירמע דראגס און ביולאגיש בשעת דער ערשט-מאליגע דעקונג פאזע און דער קאטאסטראפע דעקונג פאזע. הנחות באצאלט ביי די פאבריקאנטן אונטער דער Manufacturer Discount Program ווערט נישט גערעכנט פאר קאסט פון טאש ארויס.

דער לוח ווייזט אייער קאסט פער רעצעפט בשעת די פאזע.

| | 2025<br>(דאס יאר) | 2026<br>(נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| **יערליכע דעדוקטעבל** | וויבאלד מיר האבן נישט קיין דעדוקטעבל, האט דער צאלונג פאזע נישט קיין שייכות צו אייך. | **וויבאלד מיר האבן נישט קיין דעדוקטעבל, האט דער צאלונג פאזע נישט קיין שייכות צו אייך.** |

**דראג קאסט אין פאזע 2: ערט-מאליגע דעקונג**

דער לוח ווייזט אייער קאסט פער רעצעפט פאר איין מאנאט פראוויזיע אנגעפילט ביי א נעץ אפטייק מיט סטאנדארט קאסט צוטיילונג.

מערסטענס דערוואקסענע טייל D וואקסינען זענען געדעקט אן קיין קאסט פאר אייך. פאר מער אינפארמאציע וועגן די קאסט פון וואקסינען, אדער אינפארמאציע וועגן דעם קאסט פון פאסט-באשטעלטע רעצעפטן, גייט צו קאפיטל 6 פון אייער באוויז פון דעקונג.

נאכדעם וואס איר וועט האבן באצאלט $2,100 פון טאש ארויס אר טייל D דראגס, וועט איר אריבערגיין צו דער נקסטער פאזע (די קאטאסטראפע דעקונג פאזע).

| | 2025 (דאס יאר) | 2026 (נעקסטע יאר) |
|---|---|---|
| **אלע געדעקטע רעצעפט דראגס זענען אין אן איינצעלע שיכט.** | $0 | **$0** |
| | | |

**ענדערונגען צו דער קאטאסטראפע דעקונג פאזע**

פאר ספעציפישע אינפארמאציע וועגן אייער קאסט אין דער קאטאסטראפע דעקונג פאזע, גייט צו קאפיטל 6 אפטייל 6 אין אייער באווייז פון דעקונג.

## אפטייל 2 ווי אזוי צו ענדערן פלענער

**צו בלייבן אין Hamaspik Medicare Choice, דארפט איר גארנישט טאן.** אויסער אז איר שרייבט זיך איין אין אן אנדערע פלאן אדער ענדערט צום ארגינעלע Medicare ביי דעצעמבער 7, וועט איר אויטאמאטיש ווערן איינגעשריבן אין אונדזער Hamaspik Medicare Choice.

אויב איר ווילט ענדערן פלענער פאר 2026 פאלגט אויס די פאלגנדע שריט:

- **צו ענדערן אויף אן אנדערע Medicare העלט פלאן**, שרייבט אייך אן אינעם נייעם פלאן. איר וועט אויטאמאטיש ווערן אויסגעשריבן פון Hamaspik Medicare Choice.
- **צו ענדערן צום ארגינעלן Medicare מיט Medicare דראג דעקונג**, שרייבט אייך איין אין דעם נייעם Medicare דראג פלאן. איר וועט אויטאמאטיש ווערן אויסגעשריבן פון Hamaspik Medicare Choice.
- **צו ענדערן צום ארגינעלן Medicare אן א דראג פלאן,** קענט איר אונדז שיקן א געשריבענעם פארלאנג זיך אויסצושרייבן. רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס רופט 711) פאר מער אינפארמאציע ווי אזוי דאס צו טאן. אדער רופט **Medicare** אויף 1-800-MEDICARE (1-800-633- 4227) און בעט מ׳זאל אייך אויסשרייבן. TTY באניצער קענען רופן 1-877-486-2048. אויב איר שרייבט זיך נישט איין אין קיין Medicare דראג פלאן, קענט איר דארפן באצאלן א פארשפעטיגטע טייל D קנס (גייט צו אפטייל 3).
- **צו לערנען מער וועגן דעם ארגינעלן Medicare און די אנדערע סארטן פון Medicare פלענער**, באזוכט www.Medicare.gov, קוקט נאך אין דעם Medicare און אייך 2026 האנטבוך, רופט אייער סטעיט העלט אינשורענס הילף פראגראם (גייט צו אפטייל 5), אדער רופט (1- 800-633-4227) 1-800-MEDICARE. אלץ א דערמאנונג, טוט Hamaspik Inc. אנטראגן אנדערע Medicare העלט פלענער. די אנדערע פלענער קענען האבן אנדערע דעקונג, מאנאטליכע פרעמיעס, און קאסט צוטיילונג סכומים.

### אפטייל 2.1 טערמינען פאר ענדערן פלענער

מענטשן מיט Medicare קענען מאכן ענדערונגען צו זייער דעקונג פון **אקטאבער 15 - דעצעמבער 7** יעדעס יאר

אויב איר האט זיך איינגעשריבן אין א Medicare Advantage פלאן פאר יאנואר 1, 2026, און זענט נישט צופרידן מיט אייער פלאן אויסוואל, קענט איר אויסטוישן אויף אן אנדערן Medicare העלט פלאן (מיט אדער אן Medicare דראג דעקונג) אדער טוישט צו דער ארגינעלע Medicare (מיט אדער אן Medicare דראג דעקונג) צווישן יאנואר 1 - מארץ 31, 2026.

### אפטייל 2.2 זענען פארהאן אנדערע צייטן פון יאר ווען מ׳קען מאכן אן ענדערונג?

אין געוויסע סיטואציעס, קענען מענטשן האבן אנדערע מעגליכקייטן צו ענדערן זייער דעקונג אין מיטן יאר. ביישפילן קענען כולל מענטשן וואס:

- האבן Medicaid
- באקומען עקסערע הילף וואס צאלט פאר זייערע דראגס

- האבן אדער לאזן איבער ארבעטגעבער דעקונג
- ציען זיך אוועק פון אונדזער פלאנס סערוויס שטח

ווייל איר האט Medicaid, קענט איר ענדיגן אייער מיטגלידשאפט אין אייער פלאן דורך אויסקלויבן איינע פון די פאלגנדע Medicare אפציעס אין סיי וועלכן מאנאט פון יאר.

- o אריגינעלע Medicare מיט א באזונדערע Medicare רעצעפט דראג פלאן,
- o ארגינעלע Medicare אן א באזונדערע Medicare רעצעפט דראג פלאן (אויב איר קלויבט אויס דער אפציע,קען Medicare אייך פארשרייבן אין א דראג פלאן, אויסער אויב איר האט באשלאסן זיך נישט צו באטייליגן אין אויטאמאטישן איינשרייב.) אדער
- o אויב פאסיג, וועט אן אינטעגרירטע D-SNP וואס שטעלט צו אייער Medicare און מערסטנס פון אייערע Medicaid בענעפיטן און סערוויסעס אונטער איין פלאן.

אויב איר האט זיך לעצטנס אוועקגעצויגן צו אדער איר וואוינט יעצט אין אן אינסטיטוציע (אזוי ווי א געניטע נורסינג פאסיליטי אדער לאנג-טעמיניגעקע קעיר שפיטאל), קענט איר ענדערן אייער Medicare דעקונג **ווען איר ווילט**. איר קענט ענדערן צו סיי וועלכע אנדערע Medicare העלט פלאן (מיט אדער אן קיין Medicare דראג פלאן דעקונג) ווען איר ווילט. אויב איר האט לעצטנס זיך ארויסגעצויגן פון אן אינסטיטוציע, האט איר א געלעגנהייט צו טוישן פלענער אדער ענדערן צו דער ארגינעלע Medicare פאר 2 פולע מאנאטן נאכן מאנאט וואס איר האט זיך ארויסגעצויגן.

## אפטייל 3 באקומט הילף צו באצאלן פאר רעצעפט דראגס

איר קענט קוואליפיצירן צו באקומען הילף צו באצאלן פאר רעצעפט דראגס. פארשידענע סארטן הילף זענען פארהאן צו באקומען:

- **עקסטערע הילף פון Medicare.** מענטשן מיט באגרענעצטע הכנסות קענען קוואליפיצירן פאר עקסטערע הילף צו באצאלן פארן קאסט פון זייערע רעצעפט דראגס. אויב איר קוואליפיצירט, קען Medicare באצאלן ביז 75% אדער מער פארן קאסט פון אייערע דראגס, ווי אויך אייער מאנאטליכע דראג פלאן פרעמיעס, יערליכע דעדוקטעבל, און קאו-אינשורענס. אויכעט, מענטשן וואס קוואליפיצירן וועלן נישט דארפן באצאלן קנס פארן זיך איינשרייבן שפעט. צו זען אויב איר קוואליפיצירט, רופט
  - O (1-800-633-4227) 1-800-MEDICARE. TTY באניצער 1-877-486-2048, 24 שעה א טאג, 7 טאג א וואך.
  - o סאושל סעקיוריטי אויף 1-800-772-1213 צווישן 8 צופרי אין 7 ביי נאכט, מאנטאג ביז פרייטאג פאר א רעפרעזענטעטיוו. אוטאמאטישע מעסעדזשעס זענען עווילעבל 24 שעה א טאג. TTY באניצער קענען רופן 1-800-325-0778.
  - o אייער סטעיט Medicaid אפיס.
- **הילף פון אייער סטעיטס אפטייקערישע הילף פראגראם (SPAP)** ניו יארק האט א פראגראם וואס רופט זיך Elderly Pharmaceutical Insurance Coverage (אדער EPIC)] וואס העלפט מענטשן צו באצאלן פאר רעצעפט דראגס געגרונדעט אויף זייער פינאנציעלע באדערפעניש, עלטער, אדער מעדיקל צושטאנד. צו לערנען מער וועגן דער פראגראם, קוקט עס נאך מיט אייער State Health Insurance Assistance Program (SHIP). צו באקומען דעם טעלעפאן נומער פון אייער סטעיט, באזוכט shiphelp.org, אדער רופט 1-800MEDICARE.

עקסטערע הילף פון Medicare און הילף פון אייער SPAP און ADAP, פאר יענע וואס קוואליפיצירן, לוינט זיך בעסער ווי אנטייל נעמען אין דער Medicare רעצעפט באצאלונג פלאן. אלע מיטגלידער זענען פאסיג צו נעמען אנטייל אין דער Medicare רעצעפט באצאלונג פלאן נישט קוקנדיג אויפן הכנסה שטאפל. צו לערנען מער וועגן דער באצאלונג אפציע, רופט אונדז אויף 1-888-426-2774(TTY באניצערס, ביטע רופט 711) אדער באזוכט www.Medicare.gov.

## אפטייל 4 פראגעס?

### באקומט הילף פון Hamaspik Medicare Choice

- **רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774. (TTY באניצערס, רופט 711.)**

מיר זענען עוועילעבל אנצונעמען טעלעפאן קאלס. מיטגליד סערוויסעס שטאב זענען עוועילעבל 7 טעג א וואך, פון 8 צופרי ביז 8 ביי נאכט, אקטאבער 1, ביז מארץ 31. אנהייבנדיק דעם 1טן אַפריל ביזן 30סטן סעפטעמבער, וועט אונדזער מיטגליד סערוויסעס דעפארטמענט זיין עוועילעבל מאנטיק ביז פרייטיק, 8 צופרי ביז 8 ביי נאכט. רופן די נומערן קאסט נישט קיין געלט.

- **לייענט אייער 2026 באווייז פון דעקונג**

דער יערליכן באמערקונג פון ענדערונג גיט אייך א קורצער באגריף פון ענדערונגען אין אייערע בענעפיטן און קאסט פאר 2026. פאר פרטים, גייט צו דער 2026 באווייז פון דעקונג פאר Hamaspik Medicare Choice. דער באוויז פון דעקונג איז דער לעגאלער, מפורט'דיגער באשרייבונג פון אונדזער פלאן בענעפיטן. עס גיט צו פארשטיין אייערע רעכט און די כללים וואס איר דארפט אויספאלגן צו באקומען סערוויסעס און רעצעפט דראגס. באקומט דעם באווייז פון דעקונג אויף אונדזער וועבזייטל אויף www.hamaspik.com אדער רופט מיטגליד סערוויסעס אויף 1-888-426-2774 (TTY באניצערס, ביטע רופט 711) אונדז צו בעטן מיר זאלן אייך שיקן מיט דער פאסט א קאפיע. איר קענט אויך איבערקוקן די באזונדערע ארויסגעשיקטע פאסט באווייז פון דעקונג צו זען אויב אנדערע בענעפיט אדער קאסט אפעקטירט אייך.

- **באזוכט** www.hamaspik.com

אונדער וועבזייטל האט די מערסטע אמעדירטע אינפארמאציע וועגן אונדזער פראוויידער נעץ (פראוויידער האנטבוך/אפטייק האנטבוך) ון אונדזער ליסטע פון געדעקטע דראגס (פארמולאר/דראג ליסטע).

### באקומט אומזיסטע באראטונגען וועגן Medicare

די State Health Insurance Assistance Program (SHIP) איז אן אומאפהענגיגע רעגירונג פראגראם מיט געניטע ראטגעבער אין יעדע סטעיט. אין ניו יארק ווערט דער SHIP אנגערופן די Health Insurance Information, Counseling און Assistance (HIICAP).

רופט די Health Insurance Information, Counseling and (HIICAP) Assistance צו באקומען אומזיסטע צוגעפאסטע העלט אינשורענס ראטגעבער. זיי קענען אייך געבן צו פארשטיין אייער Medicare און Medicaid פלאן אפציעס און ענטפערן פראגעס וועגן טוישן פלענער. רופט די Health Insurance

Information, Counseling and Assistance (HIICAP) אויף 1-800-701-0501. לערנט מער וועגן Health Insurance Information, Counseling and Assistance (HIICAP) דורך באזוכן https://aging.ny.gov/health-insurance-information-counseling-and-assistance-programs

**באקומט הילף פון Medicare**

- **רופט 1-800-MEDICARE (1-800-633-4227)**

איר קענט רופן 1-800-MEDICARE (1-800-633-4227), 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך. TTY באניצער קענען רופן 1-877-486-2048.

- **שמועסט מיט א לעבעדיגער מענטש אויף www.Medicare.gov**

איר קענט שמועסן מיט א לעבעדיקער מענטש אויף www.Medicare.gov/talk-to-someone .

- **שרייבט צו Medicare**

איר קענט שרייבן צו Medicare אויף PO Box 1270, Lawrence, KS 66044

- **באזוכט www.Medicare.gov**

דער אפיציעלע Medicare וועבזייטל האט אינפארמאציע וועגן קאסט, דעקונג, און קוואליטעט שטערן שעצונגען אייך צו העלפן צוגלייכן Medicare העלט פלענער אין אייער געגנט.

- **לייענט Medicare און אייך 2026**

דאס Medicare און אייך 2026 האנטבוך ווערט געשיקט מיט דער פאסט צו מענטשן מיט Medicare יעדן הארבסט. עס האט א קורצער באגריף פון Medicare בענעפיטן, רעכט און שיצונגען, און ענטפערס פאר מערסטע אפט געפרעגטע פראגעס וועגן Medicare. באקומט א קאפיע אויף www.Medicare.gov אדער דורך רופן (1-800-633-4227) 1-800-MEDICARE. TTY באניצער קענען רופן 1-877-486-2048.

**באקומט הילף פון Medicaid**

[פלענער קענען רעדאקטירן דעם אפטייל צו נוצן די סטעיט-ספעציפישע נאמען פאר דער Medicaid פראגראם.]

רופט New York State Medicaid Program אויף 1-800-541-2831 מאטאג ביז פרייטאג 8 צופרי- 8 ביינאכט, שבת 9 צופרי-1 מיטאג. TTY באניצער 711 פאר הילף מיט Medicaid איינשרייבן אדער בענעפיט פראגעס. איר קענט אויך טרעפן העפליכע אינפארמאציע אויף זייער וועבזייטל אויף https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/

## Hamaspik Medicare Select
## Multi-Language Interpreter Services

English: We have free interpreter services to answer any questions you may have about our health or drug plan. To get an interpreter, just call us at 1-888-426-2774. (TTY, call 711.) Someone who speaks English/Language can help you. This is a free service.

Spanish: Tenemos servicios de intérprete sin costo alguno para responder cualquier pregunta que pueda tener sobre nuestro plan de salud o medicamentos. Para hablar con un intérprete, por favor llame al 1-888-426-2774. (TTY 711.) Alguien que hable español le podrá ayudar. Este es un servicio gratuito.

**Chinese Mandarin:** 我们提供免费的翻译服务，帮助您解答关于健康或药物保险的任何疑问。如果您需要此翻译服务，请致电 1-888-426-2774。(TTY 711) 我们的中文工作人员很乐意帮助您。这是一项免费服务。

**Chinese Cantonese:** 您對我們的健康或藥物保險可能存有疑問，為此我們提供免費的翻譯 服務。如需翻譯服務，請致電 1-888-426-2774。 (TTY 711) 我們講中文的人員將樂意為您提供幫助。這 是一項免費服務。

**Tagalog:** Mayroon kaming libreng serbisyo sa pagsasaling-wika upang masagot ang anumang mga katanungan ninyo hinggil sa aming planong pangkalusugan o panggamot. Upang makakuha ng tagasaling-wika, tawagan lamang kami sa 1-888- 426-2774. (TTY 711) Maaari kayong tulungan ng isang nakakapagsalita ng Tagalog. Ito ay libreng serbisyo.

**French:** Nous proposons des services gratuits d'interprétation pour répondre à toutes vos questions relatives à notre régime de santé ou d'assurance- médicaments. Pour accéder au service d'interprétation, il vous suffit de nous appeler au 1-888-426-2774. (TTY 711) Un interlocuteur parlant Français pourra vous aider. Ce service est gratuit.

**Vietnamese:** Chúng tôi có dịch vụ thông dịch miễn phí để trả lời các câu hỏi về chương sức khỏe và chương trình thuốc men. Nếu quí vị cần thông dịch viên xin gọi 1-888-426-2774 sẽ có nhân viên nói tiếng Việt giúp đỡ quí vị. Đây là dịch vụ miễn phí . (TTY 711)

**German:** Unser kostenloser Dolmetscherservice beantwortet Ihren Fragen zu unserem Gesundheits- und Arzneimittelplan. Unsere Dolmetscher erreichen Sie unter 1-888-426-2774. (TTY 711) Man wird Ihnen dort auf Deutsch weiterhelfen. Dieser Service ist kostenlos.

**Korean:** 당사는 의료 보험 또는 약품 보험에 관한 질문에 답해 드리고자 무료 통역 서비스를 제공하고 있습니다. 통역 서비스를 이용하려면 전화 1-888-426-2774 번으로 문의해 주십시오. 한국어를 하는 담당자가 도와 드릴 것입니다. 이 서비스는 무료로 운영됩니다. (TTY 711)

**Russian:** Если у вас возникнут вопросы относительно страхового или медикаментного плана, вы можете воспользоваться нашими бесплатными услугами переводчиков. Чтобы воспользоваться услугами переводчика, позвоните нам по телефону 1-888-426-2774. (TTY 711) Вам окажет помощь сотрудник, который говорит по-русски. Данная услуга бесплатная.

**Arabic:** إننا نقدم خدمات المترجم الفوري المجانية للإجابة عن أي أسئلة تتعلق بالصحة أو جدول الأدوية لدينا. للحصول على مترجم فوري، ليس عليك سوى الاتصال بنا على 1-2774-426-888. سيقوم شخص ما يتحدث العربية بمساعدتك. هذه خدمة مجانية (TTY 711) .

**Hindi:** हमारे स्वास्थ्य या दवा की योजना के बारे में आपके किसी भी प्रश्न के जवाब देने के लिए हमारे पास मुफ्त दुभाषिया सेवाएँ उपलब्ध हैं. एक दुभाषिया प्राप्त करने के लिए, बस हमें 1-888-426-2774 पर फोन करें. कोई व्यक्ति जो हिन्दी बोलता है आपकी मदद कर सकता है. यह एक मुफ्त सेवा है. (TTY 711)

**Italian:** È disponibile un servizio di interpretariato gratuito per rispondere a eventuali domande sul nostro piano sanitario e farmaceutico. Per un interprete, contattare il numero 1-888-426-2774. (TTY 711) Un nostro incaricato che parla Italianovi fornirà l'assistenza necessaria. È un servizio gratuito.

**Portugués:** Dispomos de serviços de interpretação gratuitos para responder a qualquer questão que tenha acerca do nosso plano de saúde ou de medicação. Para obter um intérprete, contacte-nos através do número 1-888-426-2774. (TTY 711) Irá encontrar alguém que fale o idioma Português para o ajudar. Este serviço é gratuito.

**French Creole:** Nou genyen sèvis entèprèt gratis pou reponn tout kesyon ou ta genyen konsènan plan medikal oswa dwòg nou an. Pou jwenn yon entèprèt, jis rele nou nan 1-888-426-2774. (TTY 711) Yon moun ki pale Kreyòl kapab ede w. Sa a se yon sèvis ki gratis.

**Polish:** Umożliwiamy bezpłatne skorzystanie z usług tłumacza ustnego, który pomoże w uzyskaniu odpowiedzi na temat planu zdrowotnego lub dawkowania leków. Aby skorzystać z pomocy tłumacza znającego język polski, należy zadzwonić pod numer 1-888-426-2774. (TTY 711) Ta usługa jest bezpłatna.

**Japanese:** 当社の健康 健康保険と薬品 処方薬プランに関するご質問にお答えするために、無 料の通訳サービスがありますございます。通訳をご用命になるには、[1-888-426-2774] にお電話ください。日本語を話す人者が支援いたします。これは無料のサービスです。(TTY 711)

פארעם באשטעטיגט
OMB# 0938-1421

CMS-10802 פארעם
(12/31/2026) לויפט אפ

| |
|---|
| ATTENTION: Language assistance services, free of charge, are available to you. Call 855-552-4642 or TTY 711. |
| ATENCIÓN: si habla español, tiene a su disposición servicios gratuitos de asistencia lingüística.<br>Llame al 855-552-4642 or TTY 711. |
| 注意：如果您使用繁體中文，您可以免費獲得語言援助服務。請致電 855-552-4642 or TTY 711. |
| ملحوظة: إذا كنت تتحدث اذكر اللغة، فإن خدمات المساعدة اللغوية تتوافر لك بالمجان. اتصل برقم 711 <(رقم هاتف الصم والبكم855-552-4642 |
| 주의: 한국어를 사용하시는 경우, 언어 지원 서비스를 무료로 이용하실 수 있습니다 855- 552-4642 or TTY 711 번으로 전화해 주십시오. |
| ВНИМАНИЕ: Если вы говорите на русском языке, то вам доступны бесплатные услуги перевода. Звоните <855-552-4642> (телетайп: 711). |
| ATTENZIONE: In caso la lingua parlata sia l'italiano, sono disponibili servizi di assistenza linguistica gratuiti. Chiamare il numero 855-552-4642 or TTY 711. |
| ATTENTION : Si vous parlez français, des services d'aide linguistique vous sont proposés gratuitement. Appelez le 855-552-4642 or TTY 711. |
| ATANSYON: Si w pale Kreyòl Ayisyen, gen sèvis èd pou lang ki disponib gratis pou ou. Rele 855-552-4642 or TTY 711. |
| אויפמערקזאם: אויב איר רעדט אידיש, זענען פארהאן פאר אייך שפראך הילף סערוויסעס פריי פון אפצאל. רופט <711 / 855-552-4642 |
| UWAGA: Jeżeli mówisz po polsku, możesz skorzystać z bezpłatnej pomocy językowej. Zadzwoń pod numer 855-552-4642 or TTY 711 |
| PAUNAWA: Kung nagsasalita ka ng Tagalog, maaari kang gumamit ng mga serbisyo ng tulong sa wika nang walang bayad. Tumawag sa 855-552-4642 / 711. |
| লক্ষ্য করুনঃ যদি আপনি বাংলা, কথা বলতে পারেন, তাহলে নিঃখরচায় ভাষা সহায়তা পরিষেবা উপলব্ধ আছে। ফোন করুন ১-855-552-4642 or TTY 711 |
| KUJDES: Nëse flitni shqip, për ju ka në dispozicion shërbime të asistencës gjuhësore, pa pagesë. Telefononi në 855-552-4642 or TTY 711. |
| ΠΡΟΣΟΧΗ: Αν μιλάτε ελληνικά, στη διάθεσή σας βρίσκονται υπηρεσίες γλωσσικής υποστήριξης, οι οποίες παρέχονται δωρεάν. Καλέστε 855-552-4642 or TTY 711. |
| خبردار: اگر آپ اردو بولتے ہیں، تو آپ کو زبان کی مدد کی خدمات مفت میں دستیاب ہیں ۔ کال کریں <711 > TTY>:855-552-4642>. |